The following article was published in the "Forverts" (Yiddish language newspaper) on May 8, 2009

## FELSHTINER LANDSLEIT (COMPATRIOTS) OBSERVE THE 90TH ANNIVERSARY OF THE POGROM

The first "memorial books," although the expression had not yet existed, were published in the 1920s and 1930s in memory of the communities that were destroyed during the pogroms that the "White" forces carried out against the Jews in the years following the Bolshevist revolution of 1917-1920.[1] The second memorial book in history was *"Dos Felshtin Zamlbukh,"* The Felshtin Anthology, which was published in New York in 1937 in memory of the Ukrainian town of Felshtin where six hundred Jews fell victim (murdered) to a pogrom in February, 1919. Thanks to the "Anthology," there still exists a Felshtin Society that gathered Sunday, May 3, 2009, to observe the memory of the martyrs killed in the pogrom, ninety years after the tragic event.

The leader of the Society, Sid Shayevitch (Shaievitz) has already worked ten years to translate the (670 Yiddish page) "Felshtin Anthology" into English, which he now believes to be

---

[1] Units of the Ukrainian national army carried out the pogrom in Felshtin and most of the pogroms in the Ukraine.

completed (except for editing). At the gathering at Mendy's Restaurant, Shayevitch became the first recipient of the "Sid Shayevitch Award," which his two daughters solemnly presented to him. Professor David Roskies (of the Jewish Theological Seminary) was present and gave a speech about the place of the *shtetl* (Jewish town) in Yiddish literature, in Jewish memory and the few Jewish remnants which are today found in the Ukraine. Among the participants was a woman who is perhaps the last Jewish woman to be born in Felshtin (Polina Lerner).

The following article was published in the "Forverts" (Yiddish language newspaper) on May 8, 2009

# פּעלשטינער לאַנדסלײַט מערקן אָפּ 90 יאָר נאָכן פּאָגראָם

די ערשטע יזכּור־ביכער, כאָטש דער טערמין האָט נאָך נישט עקזיסטירט, זענען דערשינען אין די 1920ער און 1930ער יאָרן לזכר די קהילות, וואָס זענען צעשטערט געוואָרן בעת די פּאָגראָמען, וואָס די „ווײַסע" כּוחות האָבן געמאַכט אויף די ייִדן אין די יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע 1917—1920. דאָס צווייטע יזכּור־בוך אין דער געשיכטע איז געווען „דאָס פּעלשטין זאַמלבוך", וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1937 אין אָנדענק פֿונעם אוקראַיִנישן שטעטל פּעלשטין, ווו זעקס הונדערט ייִדן זענען געפֿאַלן קרבנות אין אַ פּאָגראָם, פּעברואַר, 1919. אַ דאַנק דעם „זאַמלבוך" עקזיסטירט נאָך אַ „פּעלשטין־געזעלשאַפֿט", וואָס איז זיך צונויפֿגעקומען זונטיק, דעם 3טן מײַ, אָפּצומערקן דעם אָנדענק פֿון די קדושים פֿונעם פּאָגראָם, 90 יאָר נאָך דער טראַגישער געשעעניש.

דער אָנפֿירער פֿון דער „געזעלשאַפֿט", סיד שײַעוויטש, אַרבעט שוין צען יאָר אויף אַן ענגלישער איבערזעצונג פֿונעם „פּעלשטין־זאַמלבוך", וואָס ער האַלט אָט־אָט בײַם פֿאַרענדיקן. אויף דער פֿאַרזאַמלונג אין „מענדיס־רעסטאָראַן", האָט שײַעוויטש באַקומען די ערשטע „סיד שײַעוויטש־פּרעמיע", וואָס זײַנע צוויי טעכטער האָבן אים פֿײַערלעך איבערגעגעבן. פּראָפֿעסאָר דוד ראָסקעס האָט דערבײַ געהאַלטן אַ רעדע וועגן דעם געשטאַלט פֿונעם שטעטל אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אינעם ייִדישן זכּרון און די רעשטלעך וואָס געפֿינען זיך הײַנט אין אוקראַיִנע. צווישן די באַטייליקטע איז געווען איין פֿרוי, וואָס איז אפֿשר די לעצטע ייִדישע פֿרוי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּעלשטין.